הכנסת אורחים
לודמיר

# לודמיר

געקליבענע עובדות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

אן אייביגע קשר צום צדיק

פרשיות
בלק
תשפ"ה
גליון 12

## דער קארלינער פלאם

די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

אין דעם לעצטן גליון האבן מיר ארומגערעדט איבער די גרויסע כוחות וואס רביה"ק זי"ע האט געהאט קעגן די חיצונים און אז די חיצונים האבן געציטערט פון רביה"ק זי"ע און אז דער בלויזער דערמאנען די נאמען פון רביה"ק זי"ע האט צוגעברענגט אז זיי זאלן הייבן הענט און פוס און אנטלויפן פון יענעם ארט.

אין די קאפיטעל וועלן מיר ממשיך זיין צוברענגען עטליכע געשיכטעס איבער ווי אזוי די חיצונים האבן געלעבט אין א שטענדיגער פחד פון רביה"ק זי"ע.

די פאלגענדע מעשה ווערט אראפגעברענגט אין ספר שמע שלמה ומעשה שהיה אז ביי א געוויסער איד אין שטוב האבן זיך די חיצונים באקוועם געמאכט און זיך איינקווארטירט ביי אים אינדערהיים.

דער סדר איז געווען אז יעדע נאכט, נאך די זון אונטערגאנג, אין א צייט ווען עס ווערט מקויים דער 'בו תרמוש כל חיותו יער' זענען די חיצונים געקומען צוגיין מיט א גאנצע פמליא און דארט געהוילייעט אגאנצער נאכט.

דער איד האט געשפירט אז עס קען נישט אנגיין אזוי ווייטער, ער האט אבער נישט געהאט די כוחות זיי צו פארשיקן פון דארט.

בצר לו איז ער אריבערגעפארן צו רביה"ק זי"ע און זיך מזכיר געווען ער זאל געהאלפן ווערן בדבר ישועה ורחמים.

דער איד האט דערלאנגט א קוויטל פאר'ן רבי'ן און זיך מזכיר געווען ער זאל ניצול ווערן פון די גרויסע צרה וואס האט אים באטראפן.

דערביי האט דער איד דערציילט פאר רביה"ק זי"ע אז ער האט שוין פרובירט מערערע מיטלען צו פארטרייבן די חיצונים אבער עס גייט נישט.

אלץ אביישפיל איבער א פעולה וואס ער האט גענוצט צו פארטרייבן די חיצונים האט דער איד דערציילט אז איין טאג האט ער אריין געברענגט אין דעם שטוב א ספר תורה און עס געלאזט דארט ליגן איבערנאכט האפענדיג אז פאר די קדושה פון די ספר תורה - וועלן זיך די חיצונים אפשרעקן.

"עס האט גארנישט געהאלפן". האט דער איד געקלאגט און געבעטן אז דער רבי מיט זיין כח הקדושה זאל זיך דערבארעמען אויף אים און אים ארויסנעמען פון די צרה.

ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער געלאזט רופן זיין משמש בקודש און אים געגעבן זיין שטעקן זאגנדיג אז ווען די נאכט צופאלט זאל ער נעמען דאס שטעקן און עס אוועקשטעלןביים שטוב פון דער איד און עס זאל ליגן דארט ביז צופרי.

דער גבאי האט אזוי געטון, מען האט אוועקגעלייגט דער שטעקן פון רביה"ק זי"ע ביים פענסטער און זיך געזעצט ווארטן צוזען וואס גייט זיין און ווי אזוי די ענינים גייען זיך אויסקאכן.

די נאכט איז צופאלן און מען האט ווידעראמאל געהערט ווי די חיצונים קומען צוגיין, זיי קומען נענטער און נענטער, אבער א רגע איידער זיי קומען אן צום שטוב פון דער איד בלייבן זיי שטיין.

פון אונטער די פענסטער האט מען געקענט הערן ווי זיי רעדן צווישן זיך און איינער פרעגט דעם אנפירער וואס האט ער אזוי מורא אריינצוגיין אין שטוב פון דעם איד.

"פאר א ספר תורה האסטו זיך נישט דערשראקן ווערסטו זיך דערשרעקן פון א שטעקן?".

האט אים דער אנפירער געענטפערט אז עס איז בכלל נישט קיין פארגלייך.

"די ספר תורה איז געשריבן געווארן דורך א פשוטער סופר אבער די שטעקן פון דעם רבי'ן איז דאך א הייליגער שטעקן און מיט אזא שטעקן שפילט מען זיך נישט ארום".

יענער צופרי, נאך די רואיגע נאכט וואס דער איד האט געהאט, איז ער אריבער צום רבי'ן אין שטוב און אים דערציילט ווי אזוי עס איז אריבער די נאכט און די שמועס וואס ער האט געהערט פון די חיצונים.

דער רבי האט אים בארואיגט זאגנדיג אז פון היינט און ווייטער דארף ער זיך מער נישט זארגן אז פון היינט און ווייטער וועט דאס הויז זיין ריין פון די חיצונים.

עס איז טאקע אזוי געווען - פון יענער טאג און ווייטער איז דאס הויז געווען ריין פון די חיצונים און דער איד האט מער נישט געליטן פון זיי

## צידה לדרך

### מרה שחורה איז נישט קיין סחורה / קורצע אמרות פון רביה"ק זי"ע

ווען מען האט פארציילט פאר רביה"ק זי"ע אז זיין רבי דער הייליגער מגיד פון מעזריטש איז נסתלק געווארן פון די וועלט האט רביה"ק אנגעהויבן וויינען מיט ביטערע בכיות איבער די גרויסע אבידה וואס די וועלט בכללות און ער בפרטות האט פארלוירן. א שטיק צייט האט ער געוויינט און דאן האט ער זיך געגעבן א דערוועק און אנגעהויבן שרייען אויף זיך שרייען אויף זיך אליין - מרה שחורה איז נישט קיין סחורה.

גלייך איז רביה"ק צוגעגאנגען צום פענסטער און עס געעפענט און אנגעהויבן שרייען אויף די מרה שחורה - ווייטער - ווייטער - גיי ווייטער - אז די מרה שחורה זאל אוועקגיין פון אים מיט'ן רוח.

## אפענע ישועות ביים ציון הק'

### א גרויסע משפחה בזכות רביה"ק

**עס דערציילט הרב י' פון די חשובע מיטארבעטער אין די אפיסעס פון די 'לדומירער גליון'**

די ערשטע קינדער אין שטוב זענען געבוירן געווארן איינער נאך די אנדערע אבער אין די שפעטערע יארן האט זיך די רייע אפגעשטעלט, מער איז נישט געבוירן געווארן קיין קינדער.

די מצב האט מיר זייער צוקלאפט, איך בין נאך יונג, די פראבלעמען און שטוב האט צוריקגערויבט מיין רוה.

אלץ איינער וואס ארבעט אין די אפיסעס פון די 'לודמירער' ארגינזאציע און צוזעענדיג פון די נאנט ווי אזוי די גרויסע ישועות וואס ווואלגערן זיך אין לודמיר, האב איך באשלאסן אז איך גיי זיך אויך באנוצן מיט די סגולה. איך האב אנגעהויבן מרבה זיין פעולות פאר'ן רבינס וועגן, איך האב זיך גע'טובל'ט לעילו נשמתו, געלערנט משניות לטובתו און ב"ה אס עס האט געווירקט, היי יאר פסח איז געבוירן געווארן ביי אונז נאך א מיידל בעיבי.



צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: 518.592.0087

על הציון
של הקדוש הזה,
הוא ממש כמו שעומדים
לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

## פון יענע וועלט צום ציון הק' קיין לודמיר

יאר יערליך פלעגט זיך דער בית אהרן זצוק"ל ארויסלאזן אויפ'ן וועג קיין לודמיר צו זיין דארט אין דעם גרויסן טאג כ"ב תמוז - די יארצייט פון מרן רביה"ק זי"ע.

אויך יענער יאר זענען די הכנות אריין אין שוואונג אבער ווען מען האט זיך דערנענטערט קיין לודמיר איז אנגעקומען די שמועה אז די מתנגדים אין שטאט האבן אריינגעגעבן א מסירה קעגן דער בית אהרן זצוק"ל און אויב ער וועט אריינקומען אין שטאט וועט מען אים גלייך ארעסטירן.



די אומגעגענט פון די שטאט לודמיר

די צייט איז געווען קורץ, זעענדיג אז קיין לודמיר קען מען נישט פארן האט מען פארקירעוועט די וועג, מען איז צוגעפארן צו די שכינות'דיגע שטאט סטילא.

די יארצייט איז יענע יאר אויסגעפאלן אנהייב וואך, דער בית אהרן איז שוין ארויס אויפ'ן וועג פאר שבת און אויף שבת איז ער פארבליבן אין סטילא.

אנקומענדיג אין שטאט האבן אויסגעבראכן א קריג צווישן צוויי אידן, יעדער האט געזאגט עלי ינוח צדיק את ראשי, דער צדיק זאל קומען איינשטיין ביי אים.

דער בית אהרן האט געמאכט א פשרה, ביי איינער וועל איך זיין שבת, ביי דעם צווייטן וועל איך זיין כ"ב תמוז, די טאג וואס איז בבחינת שבת.

זייענדיג אין סטילא און גרייטנדיג זיך צופארן צום ציון הק' איז א חסיד אריינגעקומען צום בית אהרן זי"ע און אים דערציילט די פאלגענדע מעשה.

"איך האב געהאט א חבר מיטוועמען כ'פלעג בקביעות גיין קיין לודמיר. די יאר איז מיין חבר נפטר געווארן, נישט האבנדיג מיטוועמען צוגיין האב איך זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג אליין. גייענדיג צווישן די וועלדער זעה איך אז איינער קומט מיר אונטער. איך קוק און קוק און איך גלייב נישט וואס איך זעה, מיין אלטער חבר קומט מיר אקעגן".

אין די ערשטע מינוט בין איך געווארן בבהלה, וואס טוט ער דא? ער לעבט דאך שוין נישט, איך האב אנגעהויבן אנטלויפן פון אים אבער ער האט מיר בארואיגט.

"זארג נישט, לאמיר דיר דערציילן וואס דא גייט פאר".

דער איד האט אנגעהויבן דערציילן אז ער איז שוין טאקע בעולם העליון אבער ווען עס איז אנגעקומען די טאג כ"ב תמוז האט ער גע'טענה'ט מיט די בית דין של מעלה אז בחייו איז ער יאר יערליך געגאנגען צום ציון הק' און ער וויל יעצט אויך גיין.

די בית דין של מעלה האט געזאגט אז זיי וועלן עס נאכקוקן, זיי האבן נאכגעקוקט און זעענדיג אז איך בין גערעכט, אז איך האב נישט פארפאסט קיין איין יאר און איך בין אייביג געגאנגען צום ציון הק' האבן זיי מיר געגעבן רשות.

"דא בין איך". האט דער איד זיך אנגערופן.

ווען דער בית אהרן האט דאס געהערט האט ער זיך זייער צופלאמט און זיך אנגערופן אז דאס איז נאך א הוכחה אז כ"ב תמוז איז בבחינת שבת.

---

## מהנעשה והנשמע אין לודמיר

נייעס'לעך און ידיעות
איבער די אנגייענדע מצב

# לקראת כ"ב תמוז לכו ונלכה

### לודמיר איינגעהילט אין א התרגשות דקדושה לקראת די ערשטע הכנסת ספר תורה נאך 80 יאר פון נישט אידישע אנוועזנהייט אין די שטאט

הערליכער היסטארישער ספר 'שמע שלמה' ליקוטים פון רביה"ק הערליך איבערגעפרישט לכבוד די יומא דהילולא קדישא - גרויסע זאל און כשר'ע קאך אין די אידישע האטעל אין לודמיר אריבער רענאוואציע און צוגערישט פאר'ן ברייטן ציבור - מאסן אידן פון די גארער וועלט שרייבן זיך איין מיטצוהאלטן דער ריזיגער יומא דהילולא קדישא ביי רביה"ק קומענדיגן אין דעם יום המסוגל כ"ב תמוז הבעל"ט



איבערגעפרישט לכבוד די יומא דהילולא קדישא - גרויסע זאל אינעם בית רבינו חצר

א געהויבענקייט שפירט זיך די טעג אין די לודמירער לופטן זיך גרייטנדיג אויף דער גרויסער יארצייט וועלכע גייט פארקומען קומענדיגן כ"ב תמוז הבעל"ט.

די יארצייט האט אלע יארן אויסגערופן התרגשות אין די חסידישע וועלט און ביתר שאת ביי די קארלינער חסידים אבער עס לאזט זיך זאגן אז די יאר איז די התרגשות גרעסער נאך דעם וואס לקראת דער גרויסער יארצייט קומט ארויס מערערע חידושים.

דער קלימאקס פון די חידושים איז די הכנסת ספר תורה וועלכע וועט פארקומען אין די שטאט נאך לאנגע יארן פון אידישע אפוועזנהייט אין די שטאט.

אזוי אויך קומט אן די בשורה טובה אז דער היסטארישער ספר 'שמע שלמה' וועלכע איז שוין געדרוקט געווארן מיט יארן פריער מלא וגדוש מיט ווערטער פון רביה"ק און אמרות ערשיינט לכבוד די יארצייט איבערגעפרישט און איבערגעארבעט.




די נייע ספר תורה איז נתנדב געווארן דורך הרה"ג רבי יעקב בלייך שליט"א, דער הויפט רב פון אוקראינה

אין די זעלבע צייט ווערט אויך באריכטעט איבער די איינריכטונגען אז עס ווערט בעסער און שענער די יאר.

כידוע איז אין לודמיר דא אן אידישער האטעל וואו מען קען איינשטיין און געניסן פון ערליכע סערוויס אבער יעצט לכבוד די יומא דהילולא ווערט די האטעל איינגערישט און צוגעשטעלט מיט נייע צימערן לכבוד די גרויסע ציבור פון געסט וועלכע קומען צופארן אהין.

מטעם די וועד האשל געט מען איבער אז די צימערן זענען באגרעניצט און ווער עס וויל זיין דארט אויף שב"ק זאל זיך ווי פריער מעלדן צו די הכנסת אורחים צענטער אויפ'ן נומער 518.592.0087

ארויסגעגעבן און פארשפרייט דורך הכנסת אורחים - לודמיר סמוך ונראה צום ציון הק' פון דער צדיק רבי שלמה קארלינער זי"ע